"שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
"ציון היא דורש"

אידיש
מועתק מלשונו הזהב

מאמר ל"ג
חודש אב שנת תשפ"ד לפ"ק

## ברכת מזל טוב

להאי טפסר המרומם, המפורסם במדת צדקתו, איש ישר וטוב לב
**מוה"ר שלמה פעדער הי"ו**
מעמודי התווך
**לרגל הולדות בתו למעו"ט**
ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא שיזכה
לגדלה ולחנכה לתורה ולחופה ולמעשים
טובים, ואך טוב וחסד ירדפנו כל ימי חיינו,
ולראות בטוב ה' בציון
במהרה דידן אמן

אזוי ווי די הוצאות שטייגן כסדר, ווילן מיר בעטן אז ווער עס קען זאל
**זיך משתתף זיין בעין יפה כדי מיר זאלן קענען ווייטער ממשך זיין ביתר שאת**
איר קענט אריינרופן אין אפיס **718-586-5199** אדער טעקסטן צו **347-292-1014**
אדער אטעמאטיש דורך רופן **845-366-2793 #6054**

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות
**קול דורשי יחודך**
**718-586-5199**
בא"י 0765997840
~ ~ ~
ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

©
כל הזכויות שמורות

נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


מעלת אמירת תיקון חצות....א

טענץ מיט געוויינערייען....ב

"מכלל דבעיא דרישה"....ג

'אורו של עולם'....ד

דער עיקר תכלית - נישט עולם הבא....ו

מיין אייגענע חורבן....ז

אינגאנצן פארדרייט....ח

נישט געלעבט....י

נישט נאכאמאל מגולגל ווערן....י

אפילו בלויז א קליין דרישה'לע....יא

רבש"ע - מאך מיך ליכטיג!....יג

"אַל תְּנַבֵּל כִּסֵּא כְבוֹדֶךָ"....טו


**חלק מהוצאות נתנדב**

**לע"נ שר הצדקות והחסד**

הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו

**(מייזעלס)**

# מאמר ל"ג

## ציון היא דורש

### מעלת אמירת תיקון חצות

אין "שיחות הר"ן" אות רס"ח[א] רעדט דער רבי דארט פון 'תיקון חצות'. עס שטייט פון אר"י הקדוש[ב], עס איז א גרויסער 'תיקון לנפש האדם' צו זאגן תיקון חצות נאכמיטאג אין די דריי וואכן.

עס מאכט געוואלדיגע המתקת הדינים[ג].

די צייט איז ביז מנחה, אבער ווי נאר עס ווערט 'כי ינטו צללי ערב' איז א מצוה צו זאגן 'תיקון חצות'.

אזוי שטייט פון אר"י הקדוש אין "שער הכוונות": **"דער תיקון חצות וואס מען זאגט אין די דריי וואכן, איז מכל שכן אז עס איז א גרויסער תיקון לנפש האדם!"**.

---

**א.** מובא בהמשך.

**ב.** דרושי חג השבועות דרוש א', וז"ל: ענין בין המצרים והם כ"א ימים שבין י"ז לתמוז עד תשעה באב מנהג טוב וכשר הוא מאד לכל בעל נפש לשבת באבילות אחר חצי היום בכל אלו הימים ולבכות בכיה ממש על חורבן הבית. וטעם היות זה אחר חצות היום הוא, כי אז הוא התעוררות הדינין בסוד כי ינטו צללי ערב אשר לסיבה זו נשרף ההיכל אחר חצי היום. **ודבר זה עושה תועלת גדולה בנפש האדם.** וענין חצות הלילה אין צורך להזכירו כי אפילו בכל שאר הלילות צריך להתאבל על החורבן ומכ"ש בלילות בין המצרים שצריך להוסיף בבכיה, ועליו נאמר (ישעיה סו, י) שמחו את ירושלם כו' כל המתאבלים עליה, ע"כ.

**ג.** עיין ספר המידות - ערך המתקת הדין אות מ"ה; ליקוטי מוהר"ן סי' קמ"ט.

## טענץ מיט געוויינערייען

יעדע נקודה וואס דער רבי האט געלייגט אויף דעם אַן הנחה - (צוםביישפיל) דאס ענין פון חצות[ד] - איז א שורש פון 'תיקון כל העולמות' און פון 'תיקון כל אחד מישראל'![ה]

כ'וואלט געוואלט איבערזאגן די לשונות פון אפאר חז"ל'ן וואס מען זעט ווי מען איז אזוי ווייט; אזוי ווי מען קען נישט געבן פאר א בלינדן צו פארשטיין וואס עס איז א קאליר, קען מען גארנישט געבן צו פארשטיין וואס עס איז א בית המקדש.

מען דארף זיך טאקע דַן זיין לכף זכות, אבער מען דארף פאלגן דעם רבי'ן, דער רבי האט געהייסן זאגן 'חצות', אבער דער מרחק וואס עס איז דא - -

עס שטייט[ו], אפילו ביים בית שני, די יונגווארג האבן געטאנצט און געשפילט און טרומייטערט - 'מען בויעט א בית המקדש, מען בויעט א בית המקדש!' - די שמחה איז געווען מורא'דיג! און די אלטע האבן געוויינט, ווייל זיי האבן געדענקט דעם פריערדיגן בית המקדש, דעריבער האבן זיי געוויינט... - אזוי שטייט. מכל שכן ביי אונז, כמעט וואס מיר ווייסן נישט וואס דאס הייסט.

---

**ד.** עיין שיחות הר"ן אות ש"א: שמעתי בשמו שאמר **שעיקר עבודת איש הישראלי** הוא בחורף **לקום בחצות לילה.** ובקיץ בעת שהלילה קצר מאד (שאז אין עומדין בחצות [בחוץ לארץ] כמבואר במקום אחר) אז יזהר לעמוד בבוקר השכם כעלות השחר.

**ה.** עיין שיחות הר"ן אות קפ"ה: ואמר בפירוש בזה הלשון: כל הנהגה והנהגה שאני מצוה לעשות, הוא סגולה ותיקון ומועיל על מה שעבר, ועל העתיד, ולאחר ההסתלקות של האדם, ולימות המשיח, ולתחיית המתים, ולעתיד לבוא.

**ו.** עזרא ג', י'-י"ג, וז"ל: וְיִסְּדוּ הַבֹּנִים אֶת הֵיכַל ה' וַיַּעֲמִידוּ הַכֹּהֲנִים מְלֻבָּשִׁים בַּחֲצֹצְרוֹת וְהַלְוִיִּם בְּנֵי אָסָף בַּמְצִלְתַּיִם לְהַלֵּל אֶת ה' עַל יְדֵי דָּוִיד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל: וַיַּעֲנוּ בְּהַלֵּל וּבְהוֹדֹת לַה' כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ עַל יִשְׂרָאֵל וְכָל הָעָם הֵרִיעוּ תְרוּעָה גְדוֹלָה בְהַלֵּל לַה' עַל הוּסַד בֵּית ה': וְרַבִּים מֵהַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם וְרָאשֵׁי הָאָבוֹת הַזְּקֵנִים אֲשֶׁר רָאוּ אֶת הַבַּיִת הָרִאשׁוֹן בְּיָסְדוֹ זֶה הַבַּיִת בְּעֵינֵיהֶם בֹּכִים בְּקוֹל גָּדוֹל וְרַבִּים בִּתְרוּעָה בְשִׂמְחָה לְהָרִים קוֹל: וְאֵין הָעָם מַכִּירִים קוֹל תְּרוּעַת הַשִּׂמְחָה לְקוֹל בְּכִי הָעָם כִּי הָעָם מְרִיעִים תְּרוּעָה גְדוֹלָה וְהַקּוֹל נִשְׁמַע עַד לְמֵרָחוֹק

## "מכלל דבעיא דרישה"

לעומת זה, מיר האבן דאך א תורה. עס איז פארהאן א פסוק אין ירמיה [ל', י"ז], שטייט דארט ווי פאלגנד: "**כִּי אַעֲלֶה אֲרֻכָה לָךְ**" - איך וועל ארויפשטעלן אויף דיר א רפואה [- א לשון פון "ארוכה ומרפא"[ז]]. "**וּמִמַּכּוֹתַיִךְ אֶרְפָּאֵךְ**" - און איך וועל דיר היילן פון דיינע קלעפ וואס דו האסט געכאפט. "**נְאֻם ה'**".

דאס גייט אויף רוחניות, מיר האבן דאך געכאפט גרויסע קלעפ ברוחניות. אין די רפואות הרוחניים ווערט שוין ממילא נכלל די רפואות הגשמיים.

"**כִּי נִדָּחָה קָרְאוּ לָךְ**" - ווייל די גוים זאגן אז איר זענט שוין פארפאלן - 'איר זענט נידח פון דעם אויבערשטן, דער אויבערשטער דארף אייך נישט, דער אויבערשטער האט אייך אפגעלאזט'.

נאכדעם פירט אויס דער פסוק: "**צִיּוֹן הִיא, דֹּרֵשׁ אֵין לָהּ**" - קיינער פאדערט נישט "ציון".

זאגט די גמרא אין ראש השנה[ח]: "'**דורש אין לה' - מכלל דבעיא דרישה**" - דער אויבערשטער וויל אז מען זאל דורש זיין ציון. עס וועט טאקע קומען די גאולה, אבער מיר דארפן דורש זיין די גאולה; 'מכלל דבעיא דרישה'[ט].

---

**ז.** ירמי' לג, ו'.

**ח.** ל' ע"א.

**ט.** עיין ילקוט שמעוני שמואל-א ח, רמז קו: תני ר' שמעון בן יוחאי אומר, לא אותך מאסו כי אותי מאסו וכו'. בשלשה דברים עתידים למאוס, במלכות שמים, ובמלכות בית דוד, ובבנין בית המקדש, אימתי מאסו שלשתם? בימי ירבעם, הדא הוא דכתיב "ויען איש ישראל ויאמרו אין לנו חלק בדוד" זו מלכות שמים, "ולא נחלה בבן ישי" זו מלכות בית דוד, "איש לאהליו ישראל" ולא לבית המקדש אל תקרי לאהליו אלא לאלהיו. א"ר סימון בר מנסיא, **אין ישראל רואין סימן גאולה לעולם עד שיחזרו ויבקשו שלשתם**, הדא הוא דכתיב: אחר ישובו בני ישראל ובקשו את ה' אלהיהם - זו מלכות שמים, ואת דוד מלכם - זו מלכות בית דוד, ופחדו אל ה' ואל טובו - **זה בית המקדש**.

אינטערעסאנט, נאכדעם אין קאפיטל שטייט[י], אז דער אויבערשטער אלייןווארנט די שונאי ישראל אז זיי וועלן כאפן גרויסע קלעפ מיט א חרון אף, און דער אויספיר איז, יעצט קענט איר עס טאקע נישט פארשטיין, אבער "**בְּאַחֲרִית הַיָּמִים תִּתְבּוֹנְנוּ בָהּ**" - ווען עס וועט קומען - דאן וועט איר זען אז איך בין גערעכט; יעצט קען איך אייך עס נישט פאַרשטעלן.

נאכדעם אין דעם לעצטן פסוק פון דעם קאפיטל שטייט[יא]: "**בָּעֵת הַהִיא נְאֻם ה' אֶהְיֶה לֵאלֹקִים לְכֹל מִשְׁפְּחוֹת יִשְׂרָאֵל**" - איך וועל זיין א גאט פאר די אלע משפחות, "**וְהֵמָּה יִהְיוּ לִי לְעָם**" - און זיי וועלן זיין צו מיר פאר א פאלק; דאס הייסט, "**אֲנִי לְדוֹדִי - וְדוֹדִי לִי**"[יב].

## 'אורו של עולם'

אין אנהויב מדרש אין בראשית רבה [- אין דעם צווייטן פרק ביים סוף[יג]] - שטייט אזוי; די תורה הויבט זיך דאך אָן[יד]: "**וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר**", זאגן חז"ל: "**הרי בנוי ומשוכלל לעתיד לבא**"; דער 'יהי אור' גייט אויפן בית המקדש, ווייל דאס איז דער אור פון דער וועלט, דאס איז די ליכט פון דער וועלט, דאס וועט מאכן ליכטיג אלע מוחות, אלע הערצער, אט דאס איז די ליכט פון דער וועלט; "**היאך מה דאת אמר**[טו]: **'קוּמִי אוֹרִי כִּי בָא אוֹרֵךְ'**" - דאס גייט אויפן בית המקדש.

---

**י.** שם פסוק כ"ג–כ"ד.

**יא.** כ"ה.

**יב.** שיר השירים ו', ג'.

**יג.** פר' ב' פס' ה'.

**יד.** בראשית א', ג'.

**טו.** ישעי' ס', א'.

דאס איז אַן ענין פון "סוף מעשה במחשבה תחילה", אין אנהויב בריאה האט שוין דער אויבערשטער געזען דעם 'יהי אור' - דעם 'בית המקדש המשוכלל'.

עס הויבט זיך דארט טאקע אָן[טז]: **"אמר רבי חייא רבה, מתחלת בריתו של עולם צפה הקדוש ברוך הוא בית המקדש בנוי"**, און ער פירט אויס: **"ויאמר אלקים יהי אור"** - 'דאס איז דער בית המקדש'; זעט מען פון דעם אז דער בית המקדש וועט שיינען.

אין מדרש אין במדבר רבה [פרק ט"ו[יז]], און אויך אין בבא בתרא[יח], שטייט, אז די אידן וועלן שיינען.

עס שטייט דארט אזוי: **"אני מאיר 'לכם' אורה גדולה לעתיד לבא, לכך נאמר[יט]: "קוּמִי אוֹרִי כִּי בָא אוֹרֵךְ וגו'", "וְהָלְכוּ גוֹיִם לְאוֹרֵךְ""** - די גוים וועלכע וועלן האבן דעם זכות, וועט איר זיי באשיינען, איר וועט זיין די ליכט וואס וועט זיי ליכטיג מאכן; **"וּמְלָכִים לְנֹגַהּ זַרְחֵךְ"** - איר וועט באשיינען דער גאנצער וועלט!

אידן וועלן באשיינען דער וועלט!

און אין בראשית רבה שטייט[כ], אז ירושלים וועט שיינען; **"ירושלים אורו של עולם, שנאמר: 'והלכו גוים לאורך'. ומי הוא אורה של ירושלים? הקדוש ברוך הוא! דכתיב[כא]: 'וְהָיָה לָךְ ה' לְאוֹר עוֹלָם'"**.

על כל פנים, זעען מיר, דער בית המקדש וועט שיינען, אידן וועלן שיינען, ירושלים וועט שיינען, און דער אור - דאס איז דער אויבערשטער אליין.

---

**טז.** במדרש שם.

**יז.** פס' ב'.

**יח.** דף ע"ה ע"א.

**יט.** ישעי' ס', א'-ג'.

**כ.** פרק נ"ט, ה'.

**כא.** שם י"ט.

## דער עיקר תכלית - נישט עולם הבא

עס שטייט פון ווילנער גאון אין זיין פירוש אויף שיר השירים[כב], זאגט ער, די ראשונים פרעגן א קשיא, אויב עולם הבא איז דער תכלית איז פארוואס שטייט עס נישט אין תורה שבכתב?

[לכאורה פארשטיי איך נישט גאר גוט די קשיא, דער רבי זאגט דאך[כג], עס איז דא א סוד וועלכע תורה עס דארף זיין 'בכתב' און וועלכע תורה עס דארף זיין 'בעל פה'. מיר האבן בעיקר מקבל געווען די תורה שבעל פה אין די פערציג יאר אין מדבר. פון תורה שבכתב ווייסט מען דאך נישט קיין שום קיום המצוה, דער עיקר איז די תורה שבעל פה, נאר מען דארף משוה זיין דער תורה שבכתב מיט דער תורה שבעל פה. אבער עם כל זה, אז די ראשונים פרעגן, דארף מען דַן זיין אין דעם].

זאגט ער, זיי פרעגן 'אויב דאס גאנצע נצחיות פון א מענטש איז עולם הבא - איז פארוואס שטייט עס נישט אין תורה שבכתב'? ענטפערט דער גאון, עולם הבא איז נישט דער עיקר הבריאה, דאס איז נאר דרך אגב'דיג פאר יעדן איינעם; דער תכלית הבריאה איז, אז 'די' וועלט זאל שיינען אזוי ווי עולם הבא - און העכער ווי עולם הבא!

---

**כב.** א', ג', ע"ד הפשט, וז"ל: ובזה מתורץ ג"כ מה שהקשו כל הקדמונים מה שלא נאמר בתורה שכר עוה"ב, כי עיקר עולם הבא הוא להשיב הנשמה למקורה לדבק בשכינה, **ובודאי יותר טוב מזה כשהשכינה דבקה למטה כאשר היתה כוונת הבריאה כידוע.** ושכר זה כתוב בתורה עד אין מספר ושכנתי בתוכם (שמות כה, ח), ולא תגעל נפשי אתכם (ויקרא כו, יא).

**כג.** ליקוטי מוהר"ן תניינא תורה כ"ח, וז"ל: דע, שיש חילוקים בין התורות, כי יש תורה שלא ניתנה אפילו לדרוש, ויש תורה שניתנה לדרוש ולא ניתנה לכתוב. ויש שניתנה לכתוב, וכמו שמצינו שארז"ל (גטין ס:): 'דברים שבעל פה אי אתה רשאי לאמרם בכתב' וכו'. ומי שיודע להבחין ולהכיר בין התורות, איזהו ניתנה לכתוב, ואיזהו לא נתנה לכתוב הוא יכול להכיר את איש ישראלי בין האומות, ואפילו אם אחד מישראל עומד בין כמה אומות, יכול להכירו. וסוד זה מרומז בפסוק (הושע ח): "אכתוב לו רובי תורתי כמו זר נחשבו", וכו' עיין שם בפנים.

'די' וועלט זאל ווערן עולם הבא!

'דא' וועט ווערן געהויבן אלע עולמות!

"נתאוה **הקדוש ברוך הוא לדור בתחתונים!**"[כד]

אט דאס איז דער תכלית הבריאה - אז די וועלט זאל זיין עולם הבא, עס זאל שיינען ווי עולם האצילות, אט דאס איז דער תכלית הבריאה! דעריבער, דער עולם הבא וואס מען האט דאס איז נישט דער תכלית הבריאה.

עס שטייט דאך: "**וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם**"[כה], "**וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹקִים**"[כו], און נאך כמה וכמה אזעלכע פסוקים, א וועלט, אז דער אויבערשטער וויל דא זיין! - עס שטייט זייער אסאך מפורש אין דער תורה.

## מיין אייגענע חורבן

על כל פנים, מאתנו פארלאנגט זיך אַן ענין פון דרישה - אט דאס וויל מען פון אונז; "דורש אין לָהּ" - זיי דורש דער זאך!

דער רבי איז מגלה אזא זאך אין שיחות הר"ן אין אות רס"ח: "'**אֵיכָה נֶחֱרַב הָאוּלָם וְנֶהֱרַס יְסוֹד הָעוֹלָם וכו' עַד אָן יִצְעַק בַּשְּׁבִי וכו' עַד אָן וכו' בֵּן אֲמָתֶךָ' וכו'** (מתוך תיקון חצות). **ורמז עלי כמה אני צריך לצעוק זאת לפניו יתברך.**

"ותפס **לדוגמא איך הם מעוררים הלב, ואמר אותם**" - דער רבי האט געזאגט דעם 'איכה נחרב העולם ונהרס יסוד העולם', "**בניגון חצות, בקול נעים עמוק מאד. גם מהחרוז 'דודי ירד לגנו' סיפר ושבחו מאד** (כי הוא מדבר מויכוח של כנסת ישראל עם השם יתברך ומעורר הלב מאד", עכ"ל).

---

**כד.** במדב"ר פי"ג ו'.

**כה.** שמות כה, ח'.

**כו.** ויקרא כו, י"ב.

על כל פנים, דער רבי האט אויפגעטון א זאך - רעד זיך אויס דאס הארץ פארן אויבערשטן ביי חצות!

טייטש דאס אויס פאר דיר: "איכה נחרב האולם ונהרס יסוד העולם"; אז דער מח איז חרוב, אז דער אויבערשטער גייט ארויס פון מח, עס כאפט זיך אריין כפירות מיט שמוץ אין מח, אט דאס איז חורבן בית המקדש![כז]

## אינגאנצן פארדרייט

דאס פארשטייען אלע; אין גשמיות אז א מענטש איז משובש - זענען אלע זיינע הנהגות משובש, און אז זיין מח ווערט נאכמער משובש - זענען זיינע הנהגות נאך מער משובש, און אז עס ווערט חלילה נהרס דער גאנצער שכל - איז ער בסכנה, ער קען זיך הרג'ענען, ער קען אַן אנדערן הרג'ענען, ער איז אינגאנצן בסכנה.

חז"ל זאגן[כח]: **"כל אדם שיש בו דעה כאילו נבנה בית המקדש בימיו"**. דער עיקר מענטש איז דער מח.

עס איז דא א מדרש[כט]: "דעת איז הכרת הבורא"; וואס מער א מענטש האט הכרת הבורא - אזוי קוקן אויס זיינע מעשים, האט ער מער הכרת הבורא - האט ער שענערע מעשים.

---

**כז.** עיין ליקוטי הלכות הל' ציצית ה"ה, אות ו': וזהו בחינת קימת חצות לילה לאונן ולקונן על חורבן בית המקדש ולהתגבר לעסוק בתורה... כי אנו צריכין להתאבל על **חורבן בית המקדש וחרבן בית המקדש, זהו בחינת פגם וחורבן הדעת**, כי כל מי שיש בו דעה כאילו נבנה בית המקדש בימיו כמו שארז"ל (ברכות לג) וכמובא בדברי רביז"ל כמה פעמים, כי מחיצות הבית המקדש הם בחינת מחיצות הדעת, בחינת מחיצות פרוסות של המוחין המגינים בפני תאות ניאוף, ובעוונותינו הרבים התגברה הסטרא אחרא, בחינת והנחש היה ערום וכו', עד שגרמה חורבן בית המקדש שהוא פגם הדעת.

**כח.** ברכות לג ע"א.

**כט.** במדבר רבה פ"י א'.

דער מח דאס איז דער יסוד פון דעם מענטש, דער 'יסוד העולם'.

עס שטייט פון אר"י הקדוש[ל]: "**וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה לְגַגֶּךָ**"[לא]. גג"ך איז בגימטריא כ"ו, דאס איז דער שם הוי"ה. מאך א מעקה, גיב אכטונג דו זאלסט נישט ארויסלאזן דעם שם הוי"ה פון דיין מח[לב].

דער מענטש איז דער מח[לג].

אז דער אויבערשטער גייט חלילה ארויס ביי דעם מענטשן פון זיין מח, איז נאך אסאך ערגער, ער מאכט זיך חרוב לדראון עולם, ער מאכט חרוב אנדערע לדראון עולם, ער פירט זיך מיט אזעלכע הנהגות וואס רח"ל "**טב ליה דלא איתברי**"[לד].

---

**ל.** ספר הליקוטים פרשת כי תצא.

**לא.** דברים כב, ח'.

**לב.** עיין ליקוטי הלכות הל' מעקה ה"א: **וזה בחינת מצות מעקה שהוא בחינת שמירה להמח והשכל שלא יפול חס ושלום, כי צריך לשמור המח מאד לבלי להניח השכל והמחשבה שבמח לצאת ולהתפשט חוץ לגבול הקדושה לחשוב מחשבות חוץ חס ושלום.** וזהו בחינת מעקה שצריך לעשות מעקה ומחיצה לגג הבית שהיא בחינת ראשית השכל שהוא עליון ולמעלה מן הכל וצריך לשמרו מאד ולעשות לו מעקה ומחיצה וגבול כדי שלא להניחו לצאת לחוץ לחשוב מחשבה חיצונה חס ושלום, בבחינת ואמר לים עד פה תבוא ופא ישית בגאון גליך. כי השכל שהוא בחינת ים החכמה דרכו להתרומם ולהתנשא תמיד לחפוץ לצאת לחוץ על ידי הגלים שהם בחינת התגברות המחשבות שמתגברין ורוצין לעלות ולצאת לחוץ חס ושלום. וה' יתברך גזר על השכל עד פה תבוא ופא ישית וכו' שצריך להכניע המחשבה לבל להניחה לצאת חוץ מגבול הקדושה ולשבר הגלים שהם המחשבות שמתרוממין לצאת לחוץ להכניעם ולשברם שלא יצאו מגבול הקדשה בבחינת אשר שמתי חול גבול לים וכו' כנ"ל. וזה בחינת מעקה לגג הבית בחינת מחיצה וגבול לגג השכל, דהיינו ראשית השכל, **כי העיקר תלוי בראשית ותחילת המחשבה שצריך לשמרה מאד לבלי להניחה לצאת לחוץ, כי אזי בקל יכולים להכניעה ולשמרה לבלי לצאת לחוץ.** אבל תיכף שמניחין תחילת המחשבה לצאת לחוץ, על ידי זה נופל חס ושלום.

**לג.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' כ"א, אות י"א: **עיקר האדם הוא השכל**, ועל כן במקום שחושב השכל, שם כל האדם, וכשיודע ומשיג בידיעת השם יתברך, הוא שם ממש, וכל מה שיודע יותר, הוא נכלל יותר בהשורש, דהיינו בו יתברך.

**לד.** זוהר ח"א קמב ע"א [פירוש: טוב לו שלא נברא].

## נישט געלעבט

דאס איז טייטש חצות!

שריי אויף דיין מח!

שריי אויף דיין מח!

דאס איז 'דרישה'!

דער רבי האט מגלה געווען - דער רבי איז געווען א גראָדער פוסק אין חצות - חצות רעדט אויף דיר! יעדעס פרט איז א חלק פונעם כלל!

מיט וואס וועט מען זיין גליקליך אז עס וועט זיין א בית המקדש? 'בית המקדש' איז דער טייטש - יעדן איינעמ'ס בית המקדש!

עס וועט זיך שפירן אזא מצב ווי מען וואלט פריער געווען געשטארבן, ווי מען וואלט נישט געלעבט אינגאנצן, אזוי וועט זיין די גאולה בעזר השם, דעמאלס וועט מען וויסן דער פשט וואס עס איז גאולה.

אויף **דעם שריי! זיי דורש, זיי דורש דיין מח!**

אז דו געפינסט דיך נישט אין דעם פסוק, געפינסטו דיך אין אַן אנדערן פסוק, געפינסט זיך אין דעם חרוז, אין דעם פיוט, טייטש זיך אליין איין, דערנאך פילט מען א העכערקייט מח, ממילא האט מען ליב דעם אויבערשטן, וויל מען תיקון העולם, וויל מען אהבת ה', וויל מען נישט קיין שלעכטס, וויל מען וואס מען דארף ווערלן אויף דער וועלט.

## נישט נאכאמאל מגולגל ווערן

רבי וועלוול חשין (ז"ל) פלעגט זאגן, איך ווייס נישט פון וואו ער האט עס איבערגעזאגט, ער פלעגט עס אבער זאגן כמה פעמים, אז עס ווערט געבראכט, א מענטש וואס האט ליב חצות - עס זענען

דא מענטשן וועלכע האבן אַן אהבה צו חצות, זיי האבן א געשמאק צו אויפשטיין חצות, זאגט ער, די מענטשן ווערן מתוקן בחיים חיותם און זיי ווערן נישט מגולגל![לה]

דאס איז א געוואלדיגער תיקון הנפש!

מיר האבן פריער געזאגט אז עס שטייט פון אר"י הקדוש אז זאגן חצות נאכמיטאג איז א תיקון הנפש. אבער בכלל, א מענטש וואס האט ליב חצות - דער מענטש ווערט מתוקן.

דרך אגב, יענע וואך האט א איד ארייגעברענגט א ספר "אור מלא" פון דעם קאסאנער רבי'ן, שטייט דארט[לו]: "**וַיָּבֹאוּ קִרְיַת חֻצוֹ"ת**", זאגט ער, זיי האבן געזען אז אידן שטייען אויף חצות, האבן זיי געזען אז זיי האבן א גוטן סוף, מען וועט זיי נישט קענען בייקומען.

'קרית חצות' - זיי האבן געזען אז אידן זאגן חצות! אויב זיי פארברענגען חצות וועט זיין א תיקון העולם!

## אפילו בלויז א קליין דרישה'לע

מען דארף טאקע וויסן, אפילו אויב דער חצות זאל זיין נישט קיין דרישה, איז מען דורש פארוואס בין איך נישט דורש, דאס איז אויך א דרישה; יעדע פעולה איז א דרישה.

די גמרא זאגט אין ראש השנה [דף ל'[לז]]: "**בזמן שבית המקדש היה קיים היו נוטלין במקדש שבעה, ובמדינה יום אחד**". דאס הייסט, ביי נטילת לולב האט מען נאר אין בית המקדש געדארפט שאקלען לולב זיבן טעג - די גמרא לערנט עס דארט ארויס פון א פסוק. אבער אינדרויסן פון בית המקדש האט מען נאר דעם ערשטן טאג

---

**לה.** עיין ספר "זכרונות": **הקם בחצות לא יכנס לגיהנום.**

**לו.** במדבר כב, ל"ט.

**לז.** ע"א.

געדארפט נעמען אלע מינים. נאר אויב א איד איז ארויפגעגאנגען אין בית המקדש, דעמאלס איז ער געווארן דארט מחויב מיט נטילת לולב.

אבער "משחרב בית המקדש תיקן רבן יוחנן בן זכאי" אז מען זאל אלעמאל נעמען זיבן טעג דעם לולב, "זכר למקדש" - זיך דערמאנען אז עס וועט קומען א זמן פון בית המקדש וואס עס וועט זיין זיבן טעג.

פרעגט די גמרא, "מנא הני מילי" אז מען דארף מאכן א זכר למקדש? ברענגט די גמרא אראפ דעם פסוק: "ציון דורש אין לה" - מכלל דבעיא דרישה! זעט מען דאך, יעדע פעולה הייסט א 'דרישה'.

ווען א מענטש טוט א פעולה אין די דריי וואכן, מען היט אפ די הלכות פון כלי זמר, מיט נאך כהנה, מיט די אלע הלכות פון די דריי וואכן, איז דאס א דרישה לציון. מיר זעען דאך אז א פעולה פון די ארבע מינים פון א גאנצע וואך, רופט זיך א 'דרישה לציון'.

כל שכן, דער רבי האט דאך געזאגט[לח], מען קען זיך אויסרעדן דאס הארץ ביי חצות, אזוי ווי ביי התבודדות ממש! מען קען זיך גוט אויסרעדן דאס הארץ!

רבי נתן האט געזאגט[לט]: **"ער קילט זיך נישט זיין הארץ נאר ביי קינות, און ביי חצות ביידערנאכט!"** - דעמאלס קילט ער זיך ווי עס דארף צו זיין.

---

**לח.** ליקוטי מוהר"ן תניינא תורה ק"א, וז"ל: אמר: **שעל ידי אמירת תקון חצות יכולין לפרש שיחתו את כל אשר עם לבבו כמו על ידי התבודדות. כי מסתמא אין אומרים חצות על העבר, ועיקר אמירת חצות הוא על מה שנעשה עכשיו עם האדם, וכשיאמר חצות בבחינה זו, יכולין למצוא כל אשר עם לבבו בתוך אמירת חצות.**

**לט.** עיין ביאור הליקוטים על ליקו"מ תניינא סי' י"ב: שמעתי מאבי מורי ז"ל בשם מוהרנ"ת ז"ל, על אודות אשר נחלש דעתו בראותו כמה פעמים שגם בעסקי הנפש נתקיים הכתוב: "גם כי אזעק ואשוע שתם תפלתי". ואמר בזה הלשון: "איך קען מיר מערער נישט קילן דאס הארץ, נאר תשעה באב און בין המצרים ביי די קינות, און א גאנץ יאר ביי תפילת

ממילא, אוודאי זענען דא די וועלכע האבן נישט די זכיה אינגאנצן; אבער אזוי ווי אין תהלים, אז מען געפינט זיך נישט אין 'דעם' פסוק - געפינט מען זיך אין אַן אנדערן פסוק וואס רעדט צו מיר, אלעמאל געפינט מען זיך אין עפעס א פסוק - לכל הפחות איז עס א דרישה.

## רבש"ע - מאך מיך ליכטיג!

דוד המלך זאגט[מ]: **"כִּי אַתָּה תָּאִיר נֵרִי"** - אט דאס איז חצות! חצות איז דער טייטש - 'מאך מיר ליכטיג'! "כי אתה תאיר נרי"! **"ה' אֱלֹקַי יַגִּיהַּ חָשְׁכִּי"**, עס איז אונז פארפינסטערט, איך בין פארפינסטערט.

מען ווייסט, עס איז דא א חילוק צווישן 'מאורי אש' און 'מאורי אור'[מא]. נאך 'מאורי אש', נאך א שריפה, ווערט אַש, אלעס ווערט חרוב ונחרב, כליון ואבדון, דאס איז מאורי אש. און עס איז דא 'מאורי אור'. מען דארף 'מאורי אור', מאורי אור - דאס איז נצחיות, דאס איז נכלל ווערן אין אויבערשטן.

אט דאס הייסט **"כי אתה תאיר נרי"** - מאך מיר ליכטיג, איך האב דאך א 'חלק אלקי ממעל' -

אוואו איז דאס?!

---

חצות, חאטש קלאגן אויף דעם חורבן [בית המוחין בכלליות ובפרטיות], וואס מען איז נישט אזוי ווי מען דארף צו זיין!".

**מ.** תהלים יח, כ"ט.

**מא.** ליקוטי מוהר"ן תניינא תורה ס"ז, וז"ל: ויש מאורי אור, ומאורי אש. והם זה לעומת זה, שכשיש כח למאורי אור, אזי נכנעין מאורי אש. וכן להיפך ח"ו, שכשנכנעין ונסתלקין מאורי אור ח"ו, אזי מתגברין מאורי אש. וזה בחי' חורבן ביהמ"ק, בחי' (איכה א') ממרום שלח אש בעצמותי. כי נתגברו מאורי אש, ע"י שנסתלקו מאורי אור, בבחי' רחל מבכה על בניה, כי הבכיה הוא בחי' הסתלקות מאורי אור כנ"ל, ואזי מתגברין ח"ו מאורי אש, בחי' ממרום שלח אש וכו' כנ"ל.

אוואו געפינט עס זיך?!

דערוועק עס מיר!

זיי עס מיר מוסיף! גיב עס מיר אפ! דערוועק עס מיך ווי עס דארף צו זיין! **"ה' אלקי יגיה חשכי"!**[מב]

אט דאס איז טייטשט חצות, אט דאס הייסט 'בנין בית המקדש' - דער 'אור העולם' - דער אור פון דער וועלט דאס איז דער בית המקדש - איך בעט מיין אור![מג]

אַן אור אין וואס מען איז 'אחוז במקצת', איז אזוי ווי מען איז 'אחוז בכולו'[מד]; מיין 'אור', מיין 'כי אתה תאיר נרי ה' אלקי יגיה חשכי', אט דאס איז מיין בית המקדש; אז איך בין אנגעכאפט אין א שטיקל בית המקדש, בין איך אנגעכאפט אין דעם גאנצן בית המקדש.

---

**מב.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ד, וזל"ש בקיצור (מליקוטי עצות): **על ידי קימת חצות לילה,** לעסוק בתורה ותפלה והתבודדות, **על ידי זה זוכין לברר הטוב מן הרע ולהמשיך על עצמו הזכרון האמתי, לזכור תמיד תכליתו וסופו הנצחי ולאדבקא מחשבתיה תמיד בעלמא דאתי.** ולהסתכל על כל מה שהשם יתברך מסבב ומגלגל עמו בכל יום, שהכל כאשר לכל הוא כדי לרמז לו רמזים בכל עת להתקרב אליו, שזה עיקר התכלית הטוב האמיתי. ועיקר קיום האדם בזה העולם, מספר ימי חיי הבלו, וכל מה שנעשה עמו בכל יום, הכל הוא בשביל זה לבד.

**מג.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ז, וזל"ש בקיצור (מליקוטי עצות): **בעתים הללו שכבר ארך עלינו הגלות והשם יתברך מצפה בכל עת לשוב אלינו ולחזר לבנות בית מקדשנו, ראוי לנו שלא לעכב חס ושלום בנין בית המקדש רק להשתדל בבנינו. על כן מאד צריכין ליזהר לקום בחצות בכל לילה ולהיות מתאבל מאד על חורבן בית המקדש, כי אולי בגלגול הראשון היה הוא הגורם שיחרב הבית המקדש. ואפילו אם לאו, אולי הוא מעכב עתה בחטאיו בנין בית המקדש ונחשב גם כן כאילו גרם להחריבו. ועל זה יבכה ויתאבל מאד בכל לילה בחצות, ועל ידי זה יהיה נחשב כאילו הוא משתדל בבנין בית המקדש,** ועל ידי זה יזכה להתקרב אל האמת, דהיינו להתקרב לצדיקים ויראים וכשרים אמיתיים שהם עיקר הפאר והחן והיפי האמת של העולם, **ועל ידי זה יהיו נפתחין עיניו ויסתכל על עצמו בכל המידות איך הוא אוחז בהם, ולשוב בתשובה על כל המידות רעות ויזכה לדעת ולהכיר את שמו הגדול יתברך.**

**מד.** עי' רש"י מעילה ג' ע"ב.

## "אַל תְּנַבֵּל כִּסֵּא כְבוֹדֶךָ"

עס שטייט[מה]: "**אַל תְּנַבֵּל כִּסֵּא כְבוֹדֶךָ**"; יעדער איד דארף זיין א 'כסא כבודך'!

דער דמות פון א מענטש איז מרמז אויף השראת השכינה, "**ציורא דגופא כציורא דמשכנא**"[מו], א מענטש האט א גוף וואס איז אויסגעשטעלט אז עס קען זיין ביי אים השראת השכינה.

דער תולדות[מז] ברענגט אראפ, א מענטש איז אזוי גרויס אז ער קען זען דברים נפלאים, נאר דער זוהמא לאזט נישט[מח]. זאגט ער: "מורי יוכיח", ווייל אז ער האט אראפגענומען די זוהמא, האט ער געקענט קוקן מסוף העולם ועד סופו!

א מענטש דארף וויסן, 'אל תנבל כסא כבודך', יעדער איינער קען זיך מוכיח זיין, פארוואס קוק איך אזוי אויס, איך בין דאך א איד, איך דארף דאך זיין 'כסא כבודך'! פארוואס קוק איך אזוי אויס?!

עס שטייט טאקע א פסוק אין ירמיה[מט]: "**הֵיכַל ה' הֵמָּה**" - אידן זענען היכל ה'![נ] אט דאס איז חצות, "כי אתה תאיר נרי", מיר זאלן

---

**מה.** ירמי' יד, כ"א.

**מו.** עי' תיקוני זוהר יג ע"א; וע"ע ליקוטי מוהר"ן תניינא תורה ד'.

**מז.** צפנת פענח פרשת וארא; וז"ל: ששמעתי ממורי זלה"ה ביאור משנה (אבות פ"ב מ"א) עין רואה ואוזן שומעת וכו', **מצד שהוא עין ראוי לראות מסוף העולם ועד סופו**, ואוזן ראוי לשמוע הכרוזין של מעלה, **רק עונותינו מבדילין מצד שהנשמה בגלות יצר הרע** וג' קליפות של ערלה מסבבין הראיה והשמיעה, וצריך שישבר הקליפות ואז יוכל לשמוע ולראות, **ומורי זללה"ה יוכיח, שראה מרחוק ושמע הכרוזין כאשר נתברר לאמיתו**, ואם כן אפשר ואפשר לשמוע ולראות כנ"ל.

**מח.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קל"ג: **וכן שמעתי בשם הבעל שם טוב, שאמר, אוי ואבוי, כי העולם מלא מאורות וסודות נפלאים ונוראים, והיד הקטנה עומדת בפני העינים, ומעכבת מלראות אורות גדולים.**

**מט.** ז', ד'.

**נ.** עיין כתר שם טוב סי' שי"ט: כמו שיכולין להעתיק מקדש העליון וכל צירופי השמות, במשכן הזה שהוא מדברים דוממים וגשמיים עצים ואבנים זהב וכסף ונחושת, **כל שכן האדם**

זיין א היכל ה', מיר זאלן אליינס זיין א בחינת בית המקדש, דאס איז טייטש חצות, דעמאלס איז מען מקיים די דרישה בשלימות.

מכל שכן, אז מען פאלגט וואס דער הייליגער רבי האט געזאגט, ווערט מען א סניף צום צדיק, און עס ווערן געטון מורא'דיגע תיקונים.

דער אויבערשטער זאל העלפן, עס זאל מקויים ווערן לכל אחד ואחד מאתנו, "כי אתה תאיר נרי", און עס זאל שוין קומען די גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן[נא].

---

**שהוא עיקר משכן ה', כי היכל ה' המה**, וכמו שכתוב (תהלים ע"ח) ויטוש משכן שילה **אוהל שיכן באדם**, וכמו שכתוב (מלכים א' ח') לא בחרתי בעיר וכו' ואבחר בדוד, **כל שכן שיוכל האדם לעשות עצמו מרכבה לקדושה עליונה**, להעתיק בעצמו ובאבריו כל העולמות וצירופי שמות רוחניות עליונה.

**נא.** עיין ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר ה"א, אות ט"ו: ובזה תלוי הגאולה בכלל ובפרט כנ"ל. ועל כן היתה גאולה הראשונה בחצות דייקא. **וכן גאולה האחרונה שאנו מקוים במהרה בימינו תהיה על ידי בחינת חצות, על ידי הכשרים והיראים עומדים בכל לילה בחצות.**

## ברכת מזל טוב

לכבוד ידידינו הנכבדים, לבם ער לכל דבר שבקדושה, שמרוב טוב לבם נטלו חלק יפה בהוצאות המרובים

ה"ה

מוה"ר **מנחם דוד לאנדא** הי"ו

**לרגל אריסת בתו למז"ט עב"ג בשעה טוב ומצלחת**

ומוה"ר **יוסף יודא יאקאבאוויטש** הי"ו

**לרגל שמחת הולדות בנו כמר שמעון למעז"ט**

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שמשמחות זו ישפע שפע וברכה רבה לנו ולכל בני ישראל, ויזכו לראות דורות ישרים ומוברכים, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, ותענוג ונחת דקדושה כל הימים.

## לזכרון בהיכל ה'

נשמת האי שר החסד, איש ישר וטוב לב

הרה"ח ר' **יקותאל** בן **שלמה יחיאל מיכל** ע"ה

נפטר ביום ר"ח א' מנחם אב

תהא נשמתו צרורה בצרור החיים בגן עדן,
וזכותו וצדקות פזרונו יגן על משפחתו החשובה לכל מילי דמיטב

הונצח על ידי בנו

הרה"ח ר' **משה מנחם ראזנער** הי"ו

## לזכרון בהיכל ה'

נשמת הבתולה המהוללה בעלת יסורים מרים וקשים וקיבלתן באהבה

מרת **חיה שרה** ע"ה בת הרה"ח ר' **נתן נטע** הי"ו **קויפמאן**

ששבק חייה לכל חי י"ד תמוז תשפ"ד לפ"ק

תהא נשמתה צרורה בצרור החיים

# יאמץ לבך

מען דארף וויסן אז די ג' תפילות דאס איז 'דברים העומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלין'. (דער פסוק: "כרום זולת" וכו') גייט אויף די ג' תפילות. די ג' תפילות איז די עבודה פון בית המקדש! (עי' ברכות ו' ע"ב)

מען דארף וויסן אז **בשעת'ן דאוועגען קאָכן זיך תיקונים כבזמן הבית! און די תיקונים פון די תפילות וואס אידן דאוועגען דאס איז זייער א הויכע זאך!** וואס די גמרא זאגט: **"'כֻּרֻם זֻלֻּת לִבְנֵי אָדָם' – אֵלּוּ דְּבָרִים הָעוֹמְדִים בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם, וּבְנֵי אָדָם מְזַלְזְלִין בָּהֶם"** – אז דאס גייט אויף די דריי תפילות שביום.

זכה הייב אן קונה צו זיין!

(ספר דורשי יחודך יסודי היהדות ח"א מאמר ד')